בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון מהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת כי תשא תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 473


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די תשובה פירט אריבער די 'רוע' פון די גזירה

**"לָמָּה יֹאמְרוּ מִצְרַיִם לֵאמֹר בְּרָעָה הוֹצִיאָם לַהֲרֹג אֹתָם בֶּהָרִים וּלְכַלֹּתָם מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה... וַיִּנָּחֶם ה' עַל הָרָעָה אֲשֶׁר דִּבֶּר לַעֲשׂוֹת לְעַמּוֹ"** (לב יב; יד)

די חכמים זאגן (ילק"ש כי תשא רמז שצב) אז 'רעה' איז א נאמען פון א שטערן וואס סימבאלעזירט בלוט און טויט. און זיי ערקלערן: ווען די אידן האבן געוואלט ארויסגיין פון מצרים, האט זיי פרעה געווארנט (לעיל י י): "'רְאוּ כִּי רָעָה נֶגֶד פְּנֵיכֶם", ד.מ.: "אני רואה באצטגנינות שלי כוכב אחד עולה לקראתכם, שמו 'רעה', והוא סימן דם והריגה". יעצט ווען הקב"ה האט גוזר געווען א טויט שטראף אויף די אידן צוליב די זינד פון עגל, האט משה גע'טענה'עט: "לָמָּה יֹאמְרוּ מִצְרַיִם לֵאמֹר בְּרָעָה הוֹצִיאָם לַהֲרֹג אֹתָם בֶּהָרִים" - אויב דו וועסט זיי הרג'ענען, וועלן זיך די מצריים גרויסהאלטן אז זיי האבן גערעדט אמת, און דער מזל 'רעה' וואס איז אקעגן געקומען די אידן האט צוגעברענגט אז זיי זאלן שטארבן אין מדבר. און הקב"ה האט אנגענומען זיין טענה: "'וַיִּנָּחֶם ה' עַל הָרָעָה', ווען ער האט פארטוישט די גזירה פון 'דם' וואס איז נגזר געווארן אויף די אידן מיט די דם המילה וואס יהושע האט זיי גע'מל'ט.

פון דעם וואס דער אויבערשטער האט נישט אינגאנצן מבטל געווען אינגאנצן די גזירה פון די דם, נאר ער האט עס פארטוישט מיט די דם מילה וואס יהושע האט זיי גע'מל'ט, לערנט ארויס **רבי אברהם חיים שור** אז א שלעכטע גזירה קען נישט ווערן בטל אינגאנצן, נאר מיטן כח פון תשובה און תפילה קען זי נתהפך ווערן לטובה. דאס איז די סיבה אז ביי די תפילות פון די ימים הנוראים זאגן מיר נישט: "ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את הגזרה", נאר "מעבירין את **רוע הגזירה**", ד.מ.: מען פירט אריבער די שלעכט'ס פון די גזירה, און מען דרייט עס איבער אויף גוט'ס.

מיט וועט מען פארשטיין וואס די חכמים זאגן (ברכות נה ב) אז דער וואס חלום'ט א חלום און פארשטייט נישט צי זיין באדייט איז גוט'ס אדער נישט, זאל ער זיך אוועק שטעלן פאר די כהנים ביי ברכת כהנים און זאל זאגן: "רבונו של עולם אני שלך וחלומותי שלך. חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא... אם טובים הם, חזקם ואמצם כחלומותיו של יוסף, ואם צריכים רפואה, רפאם כמי מרה על ידי משה רבינו"; ווייל די חכמים זאגן (שם נז ב): "חלום - אחד מששים בנבואה", און א גזירה מן השמים קען נישט ווערן בטל, דערפאר בעהטן מיר נישט עס זאל אינגאנצן בטל ווערן די שלעכטע חלומות, נאר דער אויבערשטער זאל 'ירפאם' און איבערדרייען לטובה.

'תורת חיים' בבא קמא נה א

### אויך דער וואס איז נישט ראוי - ווערט אנגענומען זיין תפילה

**"וְעַתָּה אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ"** (לב לב)

רש"י ערקלערט די בקשה פון משה: אויב דו ביזסט נישט מוחל פאר די אידן, טוה אויסמעקן מיין נאמען פון די גאנצע תורה "שלא יאמרו עלי שלא הייתי כדאי לבקש עליהם רחמים". פרעגט דער '**בית אהרן**' פון קארלין: ווי קען זיין אז משה דער עניו מכל אדם האט געהאלטן אויף זיך אז ער איז ראוי צו דאווענען אויף די אידן?

ערקלערט ער: די כוונה פון רש"י איז נישט אז משה האט מורא געהאט אז מען וועט זאגן אז ער איז נישט ראוי צו דאווענען אויף די אידן, פונקט פארקערט, ער האט מורא געהאט אז מען וועט זאגן אז זיין תפילה איז נישט אנגענומען געווארן ווייל ער איז נישט ראוי צו דאווענען, און דורך דעם וועט מען האבן א טעות און טראכטן אז הקב"ה הערט נישט צו די תפילה פון דער וואס איז נישט ראוי, ווען דער אמת איז אז דער אויבערשטער הערט זיך צו די תפילה פון יעדן איד.

'בית אהרן' דף קמד ב

### י"ג מידות הרחמים אין זכות פון ענוה

**"וַיַּעֲבֹר ה' עַל פָּנָיו וַיִּקְרָא ה' ה' אֵ-ל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת"** (לד ו)

ווען משה האט געדאוונט אויף די אידן נאכן חטא העגל, האט ער דערמאנט אין זיין תפילה די זכות פון די אבות, אזוי ווי עס שטייט (שמות לב יג): "זְכֹר לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיִשְׂרָאֵל עֲבָדֶיךָ אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לָהֶם בָּךְ". די חכמים לערנען ארויס פון דא אז יעדער וואס איז תולה זיין תפלה אין די זכות פון אנדערע, איז מען תולה אין זיין זכות, אזוי ווי מיר טרעפן אז דער פסוק הענגט אן דאס וואס די תפלה פון משה איז אנגענומען געווארן אין זיין זכות, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קו כג): "וַיֹּאמֶר לְהַשְׁמִידָם לוּלֵי מֹשֶׁה בְחִירוֹ עָמַד בַּפֶּרֶץ לְפָנָיו לְהָשִׁיב חֲמָתוֹ מֵהַשְׁחִית".

**רבי אברהם יצחק שיין** ר"מ אין ישיבת 'תפארת ירושלים' זאגט:

לויט די ווערטער פון חז"ל קען מען צולייגן און זאגן אז משה האט זוכה געווען אז נאכן דאווענען איז צו אים נתגלה געווארן די י"ג מידות של רחמים וואס זייער זאגן העלפט אויך נאך וואס די זכות אבות ענדיגט זיך (ראה רש"י לעיל לג יט), אין זכות פון זיין ענוה ווען ער האט נישט אנגעהאנגען די בקשה אין זיין אייגענע זכות נאר אין זכות אבות. דערפאר האט מען מתקן געווען ביי די תפילה 'א-ל ארך אפים' וואס ווערט געזאגט ווי א הקדמה צו די י"ג מידות: "בתחנון ובתפילה פניך נקדם כהודעת לענו מקדם"; פארוואס פונקט דא ווערט משה באטיטלט 'עניו'? ווייל ווי געזאגט, די י"ג מידות זענען פאר אים אנטפלעקט געווארן אין זכות פון זיין ענוה, וואס ער האט אנגעהאנגען זיין תפילה אין זכות אבות.

'ברכת איש'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### נטילת ידים אויף מאה ברכות

יעדן אינדערפרי, ווען מיר טרעטן צו צו די עבודת התפילה, זאגן מיר די פרשה פון 'כיור' וואס שטייט אין אונזער פרשה, וואו די כהנים זענען באפוילן געווארן אויף די מצוה פון 'קידוש ידים ורגלים', ווען? "בגשתם אל המזבח לשרת להקטיר אשה לה'" (שמות ל כ).

כאטש די מצוה איז אייגנארטיג פאר די כהנים און איז שייך נאר ווען דער בית המקדש שטייט, אבער אין אמת'ן אויך היינטיגע צייטן הייבט יעדער איד מיט דעם זיין סדר היום, און אויך די ערשטע ברכה וואס מיר זאגן יעדן אינדערפרי שטאמט פון דער מצוה.

דער רשב"א (שו"ת סי' קצא) ערקלערט אז די מקור פון די מצוה פון וואשן די הענט יעדן אינדערפרי ווען מיר שטייען אויף פון שלאף, איז די מצוה פון קידוש ידים ורגלים וואס די כהנים וואס טוהן די עבודה אין בית המקדש זענען אויף דעם באפוילן געווארן. לויט זיינע ווערטער, יעדער איד וואס איז אויפגעשטאנען צו א נייע טאג פון עבודת ה', איז ווי א כהן וואס קומט טוהן די עבודה אין בית המקדש, און ממילא, אזוי ווי די כהנים זענען באפוילן געווארן צו וואשן די הענט און פיס יעדן אינדערפרי וועגן זיי גייען צו די עבודה, אזוי אויך איז יעדער איד באפוילן געווארן צו וואשן זיינע הענט יעדן אינדערפרי ווען ער גייט דינען דעם אויבערשטן. דאס איז אויך די כוונה פון דוד המלך ע"ה אין זיינע ווערטער (תהלים כו ד): "ארחץ בנקיון כפי ואסובבה את מזבחך ה'" (ראה ברכות טו א).

ווען מיר וועלן זיך מתבונן זיין, וועלן מיר זעהן אז אין די מצוה פון 'נטילת ידים' אינדערפרי און די ברכה אויף דעם, ווערן מיר געהייליגט אויף די טעגליכע עבודת ה' וואס אין צענטער שטייט די זכות און די חוב פון זאגן מאה ברכות יעדן טאג. עס איז מיר ארויף געקומען א געדאנק אז דער ענין איז מרומז אין די ברכה וואס מיר זאגן אויף די מצוה - "אשר קדשנו במצותיו וצונו על נטילת ידים". "על" איז גימטריה "מאה". ווי כאילו בשעת'ן זאגן די ערשטע ברכה אנהויב טאג, רופן מיר אויס: "אשר קדשנו במצותיו וציונו" צו זאגן "על" ברכות יעדן טאג.

יעדן אינדערפרי, ביי די ערשטע ברכה אין טאג, באקומען מיר א חשובע דערמאנונג אויף אונזער פליכט - געדענקען דעם אויבערשטן א גאנצן טאג דורכ'ן זאגן די 'מאה ברכות' ווי עס דארף צו זיין, און פארשטייט זיך אז בשלימות - דורך ענטפערן אמן נאך דעם.

מיר וועלן מקפיד זיין אויף זאגן ברכות בשלימות, און מיר וועלן געבענטש ווערן בשלימות!

**מיט א רוף "אשר קדשנו... וצונו על - ברכות"**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# אמן מיט מסירות נפש

חודש ניסן אין יאר תק"נ. די אידישע שטעטל הוראדנא האט געקאכט ווי א קעסל, די ביטערע פאסירונג פון ר' אליעזר פון ווארבלאוו, וועלכער איז נאר לעצטנס אריבערגעקומען וואוינען דא אין שטאט, האט זיך שנעל פארשפרייט און איז געווארן די הויפט טעמע פון די שמועסן אין די גאנצע שטאט. די מענטשן האבן גערעדט צווישן זיך איבער דער שרעקליכער גזירה וואס איז ארויפגעפאלן אויף ר' אליעזר.

אלעס האט זיך אנגעהויבן א וואך פריער. ר' אליעזר, א איד מיט א סענסיטיוו און ווייכע הארץ, איז געגאנגען אין גאס, און האט באמערקט פון דערווייטנ'ס אן עלטערער גוי וואס גייט נאנט צו א טיפע גרוב וואס איז אפן אין דער זייט פון דער גאס אן ער זאל באמערקן די סכנה. ר' אליעזר איז געלאפן מיט אלע זיינע כוחות אים אפצושטעלן, אבער ער איז אנגעקומען איין מינוט צו שפעט. דער גוי איז אריינגעפאלן אין דעם אפענעם גרוב, און אויב עס איז נישט גענוג, איז ער אויך באערדיגט געווארן אונטער דעם הויפן זאמד, וואס איז געווען נעבן דער גרוב און איז יעצט אריינגעפאלן אויף זיין קאפ.

ר' אליעזר האט פרובירט אראפגיין אין גרוב צו ראטעווען דעם גוי, אבער ער האט באלד איינגעזען אז די שאנסן זענען גארנישט; דער גוי, וועלכער האט באקומען א טויט-קלאפ, איז געווען באגראבן אונטערן הויפן זאמד, אן קיין חיות.

ווען ר' אליעזר איז צוריק ארויף געקראכן צו די ברעג פון גרוב, צו זיין שרעק האט ער זיך געטראפן באלאגערט מיט אסאך קריסטן. דער פאקט, אז פאר זיי איז געליגן א טויטער גוי, ווען א איד שטייט נעבן אים, האט אנגעצינדן זייער פאנטאזיע, און האבן שנעל געמאכט די נויטיגע אפמאך פון זייער שטאנדפונקט; דער איד האט אומגעברענגט דעם גוי, כדי צו נוצן זיין בלוט צו באקן די מצות פון פסח, און דערנאך האט ער פרובירט אים באגראבן צו באהאלטן די באווייזן אקעגן אים.


דער צענטער פון די שטאט גראדנא [הוראדנא]

ר' אליעזר האט פרובירט צו טענה'ן אויף זיין גערעכטיגקייט, "דער מענטש איז אריינגעפאלן אין גרוב און איך האב פרובירט אים ראטעווען!" - האט ער געשריגן מיט פארביטערונג, אבער זיין שטימע איז נישט געהערט געווארן צוליב דעם גערויש פון די געשרייען פון די באפעלקערונג וואס האבן געוואלט טוהן א נקמה. די פאליציי וואס זענען גערופן געווארן צו די סצענע האבן אים קוים געקענט ראטעווען, און באלד איז ר' אליעזר געווען געבינדן די הענט און פיס ווי דער לעצטער פארברעכער, און איז געפירט צו די ארעסט הויז.

אין יענע טעג, מיט בערך צוויי הונדערט און פופציג יאר צוריק, האבן געוואוינט עטליכע טויזנט אידן אין דער שטאט הוראדנא, דאס איז גראדנא, ווען צווישן זיי האט זיך דערקענט ווי א פלאם פייער די געשטאלט פון הגאון הקדוש רבי אלכסנדר זיסקינד, בעל 'יסוד ושורש העבודה'.

די אידן אין הוראדנא, וועלכע האבן זייער געציטערט אויף די גורל פון זייער ברודער, האבן פרובירט אויף אלע וועגן אים ראטעווען, זיי האבן געקלאפט אויף די טירן פון די מיניסטארן און ריכטער, פרובירט געבן שוחד פאר יעדן וואס איז נאר מעגליך געווען, און אוודאי האבן זיי פארגאסן תפילות און תחנונים פארן יושב במרום, אז דער אמת זאל ארויסקומען און פאר ר' אליעזר זאל קיין שלעכט'ס נישט געשעהן.

אבער פון דער צווייטער זייט, האט דער גלח, אן אנגעזעענער אנטיסעמיט, געזארגט אנהייצן די אטמאספערע, אז די ריכטער, וואס זענען געווען אנטיסעמיטן, זאלן נישט קענען אנדערשט אורטיילן.

דער טאג פון דער אורטייל איז אנגעקומען. דער געריכט-זאל איז געווען פול פון איין עק ביז צו די צווייטע, ווען דער איד וואס איז פארדעכטיגט אין מארד איז אריינגעברענגט געווארן. פייערדיגע בליקן האבן אים ענטפאנגען, און ווי ערווארטעט, ביז געציילטע מינוטן האט מען גע'אורטייל'ט דעם איד אים צו טויטן דורך הענגען.

איין מינוט פארן אויפליינען די אורטייל האט איינער פון די ריכטער זיך אויפגעשטעלט, און אריינגעקוקט אין די אויגן פון דעם איד און זיך אנגערופן צו אים מיט א ווייכע שפראך: "כאטש דיין אורטייל איז שוין באשלאסן, האבן מיר רחמנות אויף דיין משפחה און מיר ווילן דיר געבן א עפענונג פון א רעטענונג; אויב דו וועסט אננעמען די קריסטליכע רעליגיע, מיר וועלן גלייך צורייסן דיין אורטייל און דו וועסט קענען ווייטער לעבן...".

פארן ריכטער איז געווען קלאר, אז דער איד וועט זיך צואיילן אננעמען די 'גוט-הארציגע' פארשלאג, אבער דער איד האט זיך אפגעזאגט אפילו פון טראכטן דערוועגן, און האט גלייך געשריגן: "חס וחלילה, איך בין א איד און ווי א אידן וועל איך שטארבן!"

דער געשאקטער ריכטער האט אים פרובירט איבעררעדן, ער זאל נאכאמאל איבערטראכטן די פארשלאג, אבער דער איד האט אים אפגעזאגט מיט א שטארקייט. ער האט געקוקט צום ריכטער אין די אויגן אריין און געזאגט: "עס איז נישט דא אזאך אויף דער וועלט, וואס וועט מיך צוברענגען איך זאל טוישן די רעליגיע פון מיינע עלטערן".

דער דאטום וואס איז באשטימט געווארן אויספירן די אורטייל פון ר' אליעזר איז געווען ז' סיון, יום טוב שני של גליות פון יו"ט שבועות.

עטליכע טעג פארן אויספירן דעם אורטייל, האט רבי אלכסנדר זיסקינד באקומען ערלויבעניש צו באזוכן דעם ר' אליעזר. ער איז אריין אין זיין צעל און איז איבערגענומען געווארן זעהנדיג אז ר' אליעזר שטייט פעסט אין זיין אמונה און גרייט זיך צו דעם שרעקליכן מאמענט. ער האט געלערנט צוזאמען מיט אים הלכות קידוש ה' און דער נוסח הברכה וואס מען דארף זאגן פארן מקיים די מצוה.

אינדערפרי' פון דער באשטימטער טאג איז די שטאט געווען ארומגענומען מיט א שווארצע וואלקן; די אידן האבן זיך פארזאמלט אין די שולן אויף די תפילות פון דער צווייטער טאג יו"ט שבועות, און האבן פארשלאסן די טויערן ציטערנדיג פון די שנאה און צארן וואס קען זיי ארום נעמען פון דער ריכטונג פון די אויפגערעגטע באפעלקערונג. די גוים פון זייער זייט האבן זיך צוזאמענגענומען אין די מאסן אינמיטן שטאט, ווארטנדיג מיט ברענענדיגע שנאה, אויף דעם איד, וועלכער וועט געפירט ווערן אין די קומענדיגע מינוטן צו די תליה.

א שטיקלייט האט געהערשט צווישן די פארזאמלטע ווען עס האט זיך דערנענטערט די שווארצע וואגאן, ארומגערינגלט מיט זעלנער. מען האט געפירט דעם איד צו די תליה ווען זיין פנים איז פארדעקט און אלעמען'ס אויגן זענען קאנצענטרירט אין אים. קיינער האט נישט באמערקט דעם אומבאקאנטן געשטאלט, וואס איז געווען גוט ארום געוויקלט, וועלכער האט זיך אריינגעשטיפט צווישן דער עולם, און מיט א רחמנות'דיגער בליק נאכגעגאנגען דעם איד וועלכער ווערט געפירט צו די תליה. דאס איז געווען דער צדיק רבי אלכסנדר זיסקינד, וועלכער איז ארויס פון שוהל, און איינגעשטעלט זיין לעבן, און זיך אויסגעמישט צווישן דעם בלוט-דארשטיגן עולם כדי צו זיין נעבן דעם קדוש אין זיינע לעצטע מאמענטן.

א קורצע צייט שפעטער האט ר' אליעזר'ס קלארע שטימע דורכגעשניטן די שטילקייט, ער האט געזאגט ווארט ביי ווארט, מיט גרויס כוונה און מסירות נפש, די ברכה וואס רבי אלכסנדר זיסקינד האט אים געלערנט: "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו לקדש שמו ברבים", און רבי אלכסנדר זיסקינד פון דער ארט וואס ער איז געשטאנען האט ער געענטפערט מיט גרויס כוונה: "א-מ-ן!".

אין דער צייט האט מען געהערט פון ר' אליעזר'ס מויל די געשריי פון 'שמע ישראל', און זיין נשמה איז ארויף אין הימל, צו זיין צווישן די קדושים וטהורים.

אסאך יארן שפעטער האבן אלע גערעדט מיט שטוינונג אויף די מסירות נפש פונעם בעל 'יסוד ושורש העבודה', כדי זוכה צו זיין ענטפערן אמן נאך די ברכה פונעם קדוש ר' אליעזר ב"ר שלמה פון ווארבלאוו הי"ד.

'פתח דבר' לצוואת בעל ה'יסוד ושורש העבודה', מהדורת ווילנא תרפ"ט

## א ספק צווישן צוויי זעלבע ברכות

**דער וואס הערט פון דער וואס איז עולה לתורה די אויספיר פון די ברכה: "ברוך אתה ה' נותן התורה", זאל ענטפערן אמן, אויך ווען ער ווייסט נישט צי דער עולה האט געענדיגט די ברכה פון פארן ליינען - 'אשר בחר', אדער די ברכה פון נאכדעם - 'אשר נתן'. ווייל די כוונה פון די ברכות זענען אייניג, האט עס א דין ווי ער ווייסט יא אויף וועלכע ברכה ער ענטפערט, און עס איז נישט קיין 'אמן יתומה'.**

מקורות וביאורים:

אזוי פסק'נט דער 'אשל אברהם' (לראו"ד מבוטאטש, מהדו"ת קכד ח). און שרייבט דארט אויך אז די הלכה איז געזאגט אויך וועגן נאך ברכות וואס זענען אייניג, צ.ב.ש. ברכות התורה וואס מען זאגט אינדערפרי, אויב הערט מען א חבר אויסלאזן איינע פון זיי זאל ער ענטפערן אמן, כאטש ער ווייסט נישט וועלכע פון די ברכות האט דער חבר געענדיגט. און די זעלבע איז אויך ווען מ'הערט ווי איינער זאגט א ברכה אויף לייגן תפילין און ווייסט נישט צי ער האט געזאגט 'להניח תפילין' אויפן תפילין של יד, אדער 'על מצות תפילין' אויף די תפילין של ראש, זאל ער ענטפערן אמן. ווייל די צוויי ברכות זענען אייניג, דערפאר ווערט עס נישט גערעכנט פאר א 'אמן יתומה'.

## 'אמן יתומה' ביי קדיש

**עס זענען דא וואס האלטן אז ביים ענטפערן אמן אויף קדיש דארף מען נישט וויסן אויף וועלכע שטיקל מ'ענטפערט, עס איז גענוג צו וויסן אז ער ענטפערט אמן נאך א קדיש, כדי עס זאל נישט גערעכנט ווערן א 'אמן יתומה'. אבער די פוסקים שרייבן אז למעשה אויך נאך קדיש - דער וואס ענטפערט דארף וויסן אויף וועלכע טייל פון קדיש ענטפערט מען יעצט אמן, און אויב ער האט געענטפערט אמן אן צו וויסן, איז דאס א 'אמן יתומה'.**

מקורות וביאורים:

די אחרונים קריגן זיך ווען איינער האט געהאלטן אינמיטן דאווענען און צוליב דעם האט ער נישט געהערט ווי מ'זאגט קדיש, און באלד ביים ענדיגן האט ער געהערט ווי דער ציבור ענטפערט "אמן, יהא שמיה רבה מברך...", צי ער מעג ענטפערן אמן, אדער ער דארף נאר ענטפערן "יהא שמיה רבה" אן קיין אמן פון פריער: דער 'מגן אברהם' (קט ב) האלט ער זאל נאר זאגן "יהא שמיה רבה" אן ענטפערן אמן, "ווייל איינער וואס האט נישט אינזין אויף וואס ער זאגט, ווערט עס אנגערופן 'אמן יתומה'". זעהט מען פון דעם, אז דער וואס ענטפערט אמן נאך קדיש דארף וויסן אויף וואס ער ענטפערט, און אויב ער ענטפערט אן צו וויסן איז עס א 'אמן יתומה'. דאקעגן דער 'אליה רבה' (שם ז) קריגט און האלט אז דער וואס האט געענדיגט דאווענען בשעת'ן זאגן "אמן יהא שמיה רבה...", קען ענטפערן אמן אויך אויב ער האלט נישט מיט אויף וועלכע טייל אין קדיש ער ענטפערט אמן, ווייל עס איז גענוג אז ער ווייסט אז ער האט געענטפערט אמן אויף קדיש.

להלכה: פון 'הליכות שלמה' (תפילה פ"ו הלכה יז) זעהט אויס אז ער פסק'נט ווי דער 'אליה רבה' אז אויך דער וואס האלט נישט מיט די ווערטער פון קדיש און ווייסט נישט אויף וועלכע חלק אין קדיש ער ענטפערט אמן, פון דעסוועגן זאל ער ענטפערן אמן נאך קדיש, "ווייל ער ווייסט דאך אז ער ענטפערט אויף דער ענין פון קידוש ה'". אבער דער 'משנה ברורה' (שם ד) איז מכריע ווי דער 'מגן אברהם'. און זעה אין 'אגרות משה' (יו"ד ח"ד סי' סא אות טז) וואס ברענגט א ראי' פון דער רמ"א וואס שרייבט (קכד יא): "אויב ער האט אינגאנצן נישט געהערט די ברכה, נאר ער האט געהערט ווי דער ציבור ענטפערט אמן און ווייסט אויף וועלכע ברכה עס גייט ארויף, זאל ענטפערן אויף זיי, און אזוי אויך ביי קדיש, קדושה און ברכו", אז אויך ביי קדיש איז דא דער דין פון אמן יתומה "אויב ער וועט ענטפערן אמן ווען ער ווייסט נישט אויף וועלכע טייל פון קדיש ער ענטפערט".

# רועי אמונים

פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן

## דער עונה אמן טוהט א טובה מיטן מברך



המשפיע הרה"צ
**רבי נחמן בידערמאן**
שליט"א

אין מגילת רות (ב יט) ליינען מיר די ווערטער-אויסטויש וואס איז געווען צווישן רות און איר שוויגער נעמי: "ותאמר לה חמותה איפה לקטת היום ואנה עשית יהי מכירך ברוך, ותגד לחמותה את אשר עשתה עמו, ותאמר שם האיש אשר עשיתי עמו היום בועז".

פארוואס זאגט רות "שם האיש אשר עשיתי עמו". האט זי דען עפעס געטוהן פאר אים, לכאורה בועז האט געטוהן א חסד מיט רות? פון דא לערנען ארויס די חכמים (רות רבה ה ט) א וויכטיגער יסוד: "יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני - העני עושה עם בעל הבית".

גערעכט טאקע אז דער בעל הבית מיטן געבן פארן ארימאן טוהט מיט אים א טובה, אבער דער ארימאן מיטן נעמען פון בעל הבית טוהט מיט אים א גרעסערע טובה. אזוי זיכער איז עס געווען אין די אויגן פון רות אם המלכות, אז זי האט עס באטאנט אין די אויערן פון נעמי אינמיטן אירע ווערטער.

דאס איז אויך דער סוד פון די חשיבות פון ענטפערן אמן. ווייל דער מברך הייבט אן די מצוה און זאגט די ברכה, און אן אים איז נישטא קיין ברכה און קיין אמן, זאגט די סברא אז דער מברך זאל זיין גרעסער פון דער עונה. אבער די חכמים קומען און לערנען אונז (ברכות נג ב): "גדול העונה יותר מן המברך". פארוואס?

נאר, אויף דער זעלבער וועג וואס דער ארימאן וואס באקומט צדקה טוהט א טובה מיטן נותן מער פון וואס דער נותן טוהט מיט אים, אזוי אויך דער וואס ענטפערט אמן אויף א ברכה טוהט א טובה מיטן מברך מער פון וואס דער מברך טוהט מיט אים. דער מברך האט אים טאקע מזכה געווען מיט א גרויסע און טייערע מצוה - די מצוה פון ענטפערן אמן, אבער דער עונה אמן האט מזכה געווען דעם מברך מיט מער, ווייל אין זיין זכות האט די ברכה א קיום, און עס עפענען זיך אויף פאר דעם די שערי שמים.

ווייל אזוי שטייט דאך אין זוהר הק' (עקב רעא א): "ווען א ברכה וואס איז געענטפערט מיט א אמן גייט ארויף פון עולם התחתון צום עולם העליון, איז נישט פארהאן קיין שום טויער אויבן, און קיין שום אויפזעהער אויבן וואס עפענט נישט אלע טירן פאר איר און זיי רופן אויס אין אלע הימלען: "דאס איז די מתנה וואס דער האט געשיקט פארן קעניג! דאס איז די מתנה וואס איז געברענגט געווארן מיט א באשטעטיגונג און שלימות ווי עס דארף צו זיין! וואס איז א ברכה וואס איז געזאגט מיט די ריכטיגע שלימות? דאס איז די ברכה וואס מען האט אויף דעם געענטפערט אמן. ווייל יעדע ברכה וואס מען האט געענטפערט אויף דעם אמן, איז א ברכה וואס איז געזאגט געווארן מיט איר ריכטיגן פארעם און איר שלימות, אזוי ווי עס דארף צו זיין".

קומט אויס אז מיטן זאגן: "גדול העונה אמן יותר מן המברך", האבן די חכמים אינזין געהאט צו זאגן אז די מעשה החסד וואס דער עונה אמן טוהט מיטן מברך איז גרעסער פון וואס דער מברך טוהט מיט אים.

מען קען צולייגן אז דער יסוד איז אויך מרומז אין די מדרש וואס מיר האבן מיט דעם אנגעהויבן אונזער ארטיקל: יותר ממה שבעל הבית עושה עם העני, העני עושה עם בעל הבית". מען קען טייטשן די ווארט "עני" ענטפערן אמן; "יותר ממה שבעל הבית", ד.מ. דער מברך וואס אן אים וואלט נישט געווען א ברכה און אמן, טוהט א טובה מיט "העני", ד.מ. דער וואס ענטפערט אמן, טוהט דער עונה אמן מיטן מברך.

# מאוצרות אמונים

די מעלה פון ענטפערן אמן

## די כח פון די באשלוס ביים ענטפערן אמן

אויף די באקאנטע גמרא (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך" וואונדערן זיך אסאך, לכאורה דער מברך לויבט און דאנקט, און דער וואס ענטפערט אמן איז נאר איינשטימיג אין דעם, פארוואס אויב אזוי איז 'גדול העונה יותר מן המברך'?

ערקלערט דער משגיח רבי משה ראזענשטיין:

מיר אלע וואקסן אויף פון קליינערהייט אויף דער יסוד פון וויסן און גלייבן אז די חיי עולם הזה איז נישט די ציל, און די גאנצע אויפגאבע פון דער מענטש אויף דער וועלט איז זיין אונטערגעטעניגט צום אויבערשטן און זיינע מצוות. פון יוגנט אן לערנען מיר און מיר זענען פארטיפט אין זאכן וואס וועלן אונז ערוועקן אויף דעם, און פון דעסטוועגן פארגעסן מיר פון דעם. פארוואס?

די סיבה אויף דעם איז ווייל עס פעלט אונז אויס די אינערליכע באשלוס אז די יסודות זענען א זיכערע און איינציגער אמת, וואס מען קען זיך נישט ארויסדרייען פון דעם, און מיר האבן נישט קיין ברירה נאר צו לעבן אזא לעבן. אט די באשלוס רופט די תורה צו יעדער איד ער זאל זיך אונטערנעמען ביי די פרשה פון "והיה אם שמוע", אין דער פסוק (דברים יא יח): "ושמתם את דברי אלה על לבבכם ועל נפשכם". לייגן די זאכן אויף אונזערע הערצער אויף א זיכערער וועג, וועט צובערענגען, אז מיר וועלן לעבן הלכה למעשה לויט ווי די תורה פאדערט, און נישט נאר גלייבן אין די זאכן טעאָרעטיש.

דאס איז דער באדייט פון ענטפערן אמן; בשעת דער מברך דערקלערט אז ער גלויבט אין דעם אויבערשטנ'ס קעניגרייך און אלעס איז אין זיין האנט, דער וואס ענטפערט 'אמן' דערקלערט זיין גלויבן אז דאס איז א זיכערער און איינציגער אמת וואס מיר מוזן אזוי לעבן. און וויבאלד די באשלוס ברענגט צו דעם מענטש זאל זיך באמת משעבד זיין צו א תורה און מצוות'דיגע לעבן הלכה למעשה, דערפאר האבן חז"ל געזאגט אז דער וואס ענטפערט אמן איז מער פון דער מברך ('יסודי הדעת' פרק כז).

## ענטפערן אמן עפענט די טויערן פון גן עדן

די חכמים זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן". דער קאסאני רבי בעל 'בני שלשים' ברענגט אויף דעם א רמז, די ווערטער "אמן בכל כחו" זענען בגימטריה "גן עדן" ('ליקוטי בני שלשים' עמ' קעד).

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער ליינער

צו די רעדאקציע פון דעם גליון 'וכל מאמינים'

מיטן אויבערשטנ'ס הילף, שוין א לאנג צייט וואס איך האב די זכי" אנהויבן מיין טאג מיט זאגן ברכות השחר בחברותא. דאס עצם מקפיד זיין איז שוין פאר מיר א באזונדערע זכי' - א וואונדערבארן געפיל פון 'אנהויבן דעם טאג מיט קרבת אלוקים'.

אבער, אין דער זעלבער צייט, קען איך נישט איגנארירן דעם פאקט אז צוליב דעם זעה איך אין אלע ענינים א געוואלדיגע סיעתא דשמיא. דער כח פון אמן באגלייט מיך אומעטום. און איך האב געטראכט אז די סיבה דערויף איז, כאטש איך האב אלע מאל געזאגט ברכות און אמן, אבער אזוי ווי ביי יעדע מצוה איז דער עיקר די זיך אנשטרענגען אין דעם, אזוי אויך ביים ענטפערן אמן, ווען מען קומט פרי אין שול צו ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר האט עס א באזונדערע חשיבות, און צוליב דעם אויך א באזונדערע ברכה.

איך האב געטראכט צו ברענגען א רמז אויף דעם: עס איז באקאנט אז אמן איז בגימטריה "צא", און אין דעם ליגט א רמז אז דורכ'ן ענטפערן אמן איז דער מענטש זוכה עס זאל זיך עפענען פאר אים די טויערן פון הימל און ארויסגיין פון אלע שוועריקייטן און פראבלעמען, אין די בח" פון "צא תאמר לו" (ישעי' ל כב).

**הצלחה אין אלע ענקערע אקטיוויטעטן**

**מ.ש.ג**

**חיפה**

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימייל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## דער 'נועם אלימלך'

### כ"א אדר תקמ"ז



די מצבה אויפן קבר פון רבי ר' אלימלך אין ליזענסק

דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק וואס איז באקאנט אויפן נאמען פון זיין ספר 'נועם אלימלך', איז געבוירן אין יאר תע"ז אין לאפאחי, א קליינער דארף נעבן טיקטין, צו זיין פאטער רבי אליעזר ליפמן. ווען ער איז גרויס געווארן האט אים זיין פאטער געשיקט לערנען אין טיקטין, דארט האט ער זיך געטראפן מיטן רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג וואס האט דעמאלטס געוואוינט אין טיקטין, און צווישן זיי האט זיך אנגעבינדן א שטארקער פריינדליכער קניפ וואס האט זיך פארצויגן אויף אסאך יארן.

דער קלאנג איבער תורת החסידות האט שוין דערגרייכט צו ר"ר אלימלך'ס אויערן נאך אין די יארן פונעם בעל שם טוב הק', אבער ער האט ווייטער געדינט דעם אויבערשטן אויף זיין וועג. ערשט מיט יארן שפעטער, אונטער די איינפלוס פון זיין עלטערער ברודער רבי ר' זושא, האט רבי אלימלך זיך צוגעשטעלט צו די תלמידים פונעם מעזריטשער מגיד, דער ממשיך פונעם בעל שם טוב.

אין שול פונעם מגיד איז ער געווען פון די גרויסע תלמידים און נאכן מגיד'ס הסתלקות איז אויף אים ארויפגעלייגט געווארן דער קרוין פון די הנהגה פון די תלמידים, וואס האט פארשפרייט די תורת החסידות, און איז איינערקענט געווארן אלס מנהיג פון די חסידישע באוועגונג אין גאליציע און אין פוילן. אונטער זיין אנווייזונג זענען די אלע מנהיגים געשטאנען ווי א מויער קעגן די בערלינער השכלה, וואס זענען אויפקומען אין זיין צייט, און אדאנק דעם איז דאס אידישקייט אפגעהיטן געווארן ווי עס פארט צו זיין.

נאך דרייצן יאר פון פירן רעביסטעווע, כ"א אדר תקמ"ז, איז זיין הייליגע נשמה ארויף אין הימל, און זיין הייליגע קערפער איז געברענגט געווארן לקבורה אין דעם בית החיים אין ליזענסק. ביים לעבן האבן טויזנטער מענטשן געשטראמט צו אים זיך לערנען א וועג אין עבודת ה', און אויך נאך זיין פטירה קומען ווייטער טויזנטער מענטשן אויף זיין הייליגן ציון, ווי דארט גיסן זיי אויס זייער הארץ פאר השי"ת.

## אמן אין סידור

אין די ליסטע פון די הנהגות וואס איז געשריבן געווארן דורכ'ן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק אין 'צעטיל קטן', ווארנט ער אן מען זאל זיין מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן, און אזוי שרייבט ער (אות יא): "ווען דער שליח ציבור זאגט איבער די שמונה עשרה זאל מען אריינקוקן אין סידור און ענטפערן אמן בכל כוחו ביי יעדע ברכה".

## א שבח אין אלע עולמות

אין ספר 'נועם אלימלך' (פר' בלק) ערקלערט דער רבי ר' אלימלך די גרויסע פארדינסט וואס דער מברך האט ווען זיין ברכה ווערט געענטפערט מיט א אמן, און דאס זענען זיינע ווערטער:

"ביי יעדע ברכה וואס דער מענטש זאגט איז ער מעורר דער עולם פון די ברכה, וואס דארט איז איר שורש און אור. און יעדע ברכה איז א עקסטערע עולם פאר זיך ביז די סוף פון אלע עולמות". אבער ווען דער צוהערהער שטימט צו צו די ברכה און ענטפערט אמן, איז ער מעלה מיט דעם די ברכה צו מער העכערע עולמות, ווייל אין די צייט וואס יעדע ברכה - איז איר שורש נאר אין איר וועלט, "איז אמן א שבח פון אלע עולמות צוזאמען".